**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט פובליק טראנסיט פארברייטערונגען צו פארמערן צוטריט, אפארדיביליטי און זיכערהייט**

***MTA וועט פארברייטערן "סיטי טיקעט" צו אריינגעמען הויפט שטונדן, געבנדיג פאר LIRR און מעטרא-נארט קאסטומערס א ביליגע, פלעט-פעיר אינערהאלב ניו יארק סיטי***

***מעלדט אז אינטערבארא עקספרעס וועט גיין פאראויס נוצנדיג לייט רעיל נאכפאלגנדיג פלאנירונג און ענווייראמענטאלע שטודיע***

***10 מיליאן דאלער "ערפינדערישע מאביליטי" איניציאטיוו פארברייטערן ראיאנישע טראנסיט צו נישט-MTA טראנסיט אויטאריטעטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן, אלץ טייל פון די 2023 צושטאנד פון די סטעיט (סטעיט אָוו די סטעיט) א סעריע שריט צו פארברייטערן ניו יארק'ס טראנסיט, בשעת'ן עס מאכן מער פארזיכערט, מער אפארדעבל, און מער צוגענגליך פאר אלע. דאס רעכנט אריין נייע געלטער באשטימט צו נישט-MTA טראנסיט אויטאריטעטן פאר פארמערטע קליענט סערוויסעס, אן אפדעיט אויף די אינטערבאָראָ עקספרעס, און פארברייטערונג פון סיטי טיקעט צו 24/7.

"איך בין אנטשלאסן צו מאכן אונזער טראנסיט מער צוגענגליך, מער אפארדעבל, און פארזיכערט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די שריט וועלן בויען אויף אונזערע ערפאלגן און פארברייטערן צוטריט צו טראנסיט ריס, פאר ניו יארקער."

**MTA פארזיצער און CEO דזשענא ליעבער האט געזאגט**, ״גיין פאראויס מיט לייט רעיל פאר די אינטערבארא עקספרעס מיינט בעסער צוטריט צו דזשאבס, בילדונג און עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר 900,000 ניו יארקער אין קווינס און ברוקלין. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אויף דער באגייסטערנדע פראיעקט און איך קוק ארויס מיט חשק אויף צו ארבעטן מיט סטעיקהאלדערס און ארטיגע קאמיוניטיס אויף צו לאזן אין גאנג אריין דעם פארגעשלאגענע פראיעקט.״

<u>**פארברייטערן "סיטי טיקעט" צו אריינגעמען הויפט שטונדן**</u>

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן אז די MTA סיטי טיקעט, וואס שטעלט צו פאר מעטרא-נארט און לאנג איילענד רעילראוד קאסטומערס א ביליגע, פלעט-פעיר צו רייזן אינערהאלב ניו יארק סיטי בשעת אף-פיק שטונדן, וועט ווערן פארברייטערט צו אריינגעמען הויפט שטונדן פאר א מעסיגע אפצאל. די פארברייטערונג וועט גאר שטארק ארויסהעלפן רייזנדע און טוריסטן צו ניו יאָרק סיטי, און וועט בענעפיטירן איבער 10,000 רייזעס אויף א דורכשניטליכן וואכן טאג.

די נייע ניו יארק פאנעל צוזאמגערופן דורך גאַווערנאָר האקול און מעיאר עדעמס רעקאמענדירט די פארברייטערונג פון סיטי טיקעט אלס א וויכטיגע שריט צו פארברייטערן די רעיל באנוץ אין די סיטי און פארשנעלערן ניו יארק'ס צוריקקערונג. יעצט, קען א הויפט שטונדן רעיל רייזע קאסטן אזויפיל ווי $10.75, א גאר טייערע פרייז פאר דאס וואס איז אפטמאל א באדייטנד קורצערע וועג אין פארגלייך צו באסעס אדער די סאבוועי.

די פארברייטערונג וועט באדייטנד פארמינערן די קאסט פאר די איינוואוינער פון וועיקפילד און וואדלאן אין די נארטערן בראנקס, ווי אויך די איינוואוינער פון האנטס פוינט, פארקטשעסטער\ווען נעסט, מאריס פארק, און קא-אפ סיטי, וואו גאווערנער האקול האט געבראכן גרונט אויף נייע מעטרא-נארט סטאנציעס אין דעצעמבער 2022. אין סאוטאיסט קווינס, וועט די פארברייטערונג פון סיטי טיקעט דירעקט בענעפיטירן די איינוואוינער פון ראוזדעיל און לאורעלטאן, בשעת'ן וואקסן דרויסנדיגע בארא צענטערן אין פארדהעם, דזשעמעיקע און פלאשינג.

**אינטערבאָראָו עקספרעס**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די אינטערבארא עקספרעס פראיעקט וועט גיין פאראויס נוצנדיג לייט רעיל נאכפאלגנדיג א פלאנירונג און ענווייראמענטאלע פארבינדונגען שטודיע. וועט באהעפטן קאמיוניטיס אין ברוקלין און קווינס אויף ביז 17 סאבוועי ליניעס און דער לאנג איילענדרעיל ראוד, און באדייטנד רעדוצירן רייזע צייטן אינערהאלב און צווישן די צווי באראוס דורכאויס א 14-מייל קארידאר, די טראנספארמאטיווע טראנזיט פראיעקט וואס איז געמאלדן געווארן אין די גאווערנער'ס 2022 סטעיט פון די סטעיט.

די אינטערבאָראָו עקספרעס וועט נוצן די עקזיסטירנדע רייט-אוו-וועי פון די בעי ריזש ברענטש און פרעמאנט סעקאנדערי - א פראכט רעיל ליניע וואס לויפט פון בעי רידזש צו דזשעקסאן הייטס - וואס פארבינדט פארשידנארטיגע געגנטער דורכאויס ברוקלין און קווינס. ציענדיג פון מסקנוצ אינעם פלאנירונג שטודיע, האט די MTA באשטימט די מערסט פראקטישע אופן פון טראנספארטאציע, געשאפן א ליסטע פון ערשטע סטאנציעס, און דורכגעפירט אנדערע וויכטיגע פלאנירונג און אינדזשענירונג אנאליזן צו פאראויסשטופן דעם פראיעקט.

די פארצווייגטע פלאנירונג און אינדזשענירונג אנאליז וואס שטייט אויסגעשריבן אין די פלאנירונג שטודיע שטיצט שטארק די MTA'ס באשלוס צו אויסוועלן לייט רעיל וויבאלד דאס וועט צושטעלן די בעסטע סערוויס פאר קאסטומערס פאר די ביליגסטע קאסטן פער רייזנדער. הויפט פאקטארן אין די באַשטימונג נעמען אריין:

- **קאפאסיטי:** לייט רעיל'ס שנעלע אקסעלערעישאן און קורצע דוועל צייטן מאכן עס די שנעלסטע פון די דריי אפציעס. איינאיינעם מיט באנען וואס קענען אנטהאלטן ביז 360 מענטשן, קען לייט רעיל פולשטענדיג ערפילן פארלאנג.
- **פארלעסליכקייט:** וויבאלד עס קען פונקציאנירן אין די עקזיסטירנדע רעילראוד רייט-אוו-וועי ביז 96 פראצענט פונעם קארידאר, אנשטאט אויף איבערפלאך גאס, וועט לייט רעיל צושטעלן פארלעסליכע סערוויס.
- **אויפבוי מעגליכקייט:** לייט רעיל'ס קלענערע, מער בויגזאמע וויהיקלס פאסן אריין אין די ראמען פון די עקזיסטירנדע קארידאר. עס קען אויך פארן אויף די גאס פאר קורצע שטרעקעס, וואס ערלויבט עס צו פארמיידן אויפצובויען א פארצווייגטע און טייערע טונעל ביי א הויפט פונקט.
- **וויהיקל ספעציעלעזאציע:** לייט רעיל וויהיקל קענען געקויפט ווערן "אראפ פון די פאליצע" אן קיין ענדערונג און קען ציען פון א פארשידנארטיגע קוואל פון מעגליכע סופלייערס אנשטאט טראדיציאנעלע MTA ראלינג סטאק.

- **רעלאטיווע קאסטן:** א דאנק איר געשאצטע הויכע רייזנדע-באזע פון 115,000 וואכן-טאג רייזנדע און קאסט בענעפיטירנדע אויפבוי בודזשעט פון 5.5 ביליאן דאלער, שטעלט לייט רעיל צו די בעסטע ווערד מיט א קאסט פון $48,173 פער טעגליכער רייזנדער.

די פלאנירונג שטודיע צייגט אן אז ביז 115,000 טעגליכע וואכן-טאג רייזנדע וואלטן גענוצט די 14-מייל ליניע מיט אומגעפער 34.6 מיליאן רייזנדע יערליך. רייזע צייטן צווישן ברוקלין און קווינס קען רעדוצירט ווערן אויף ביז 30 מינוט יעדע וועג, ווענדנדיג אויף רייזע ווייטקייט. די אינטערבאָראָ עקספרעס וואלט געווען א גרויסע טריט פאראויס פאר יושר אינעם טראנסיט סיסטעם. זיבן פון צען מענטשן סערווירט וועלן זיין פון מענטשן מיט קאלירטע הויט, אומגעפער איין האלב וועלן קומען פון הויזגעזינדער אן קיין קאַרס, און אומגעפער איין דריטל וועלן וואוינען אין הויזגעזינדער ביי אדער אונטער 150 פראצענט פון דער פעדעראלע ארעמקייט ליניע.

די ערשטע סטאנציעס וואס זענען אריינגערעכנט אין די פלאנירונג שטודיע וואלטן פארבינדן די אינטערבאָראָ עקספרעס מיט 17 סאבוועי ליניעס, אריינגערעכנט די **A/B/C/D/E/F/J/L/M/N/Q/R/Z/2/3/5/7** ליניעס. די נייע סטאנציעס וואלטן צוגעשטעלט מאסיווע בענעפיטן פאר פארשידנארטיגע געגנטער, אזוי ווי בעי רידזש, סאנסעט פארק, בארא פארק, קענסינגטאן, מידוואוד, פלעטבוש, פלעטלענדס, ניו לאטס, בראונזוויל, איסט ניו יארק, בושוויק, רידזשוואוד, מידל ווילעדזש, מעספעט, עלמהורסט און דזשעקסאן הייטס. דער פראיעקט וועט אויך ארייננעמען עטליכע נייע קאנעקשענס אין געגנטער וואו עס איז איצט דא א מאנגל אין פאסיגע קאנעקשענס איינער צום אנדערן, און אין געוויסע פעלער, צו מאנהעטען.

פארגעשלאגענע סערוויס וועט אפערירן אויף ביז פינף-מינוטיגע העדוועי (צוטיילונג צווישן באנען) אין די פארנומענסטע שעה'ן, מיט 10-מינוטיגע העדוועיס אין די אנדערע אָף-פיעק צייטן פון טאג. דער צאל און פלאץ פון סטאנציעס לענגאויס דער 14 מייל קארידאר זענען אויך אריינגענומען געווארן אין גדאנקען אלס טייל פון די יעצטיגע פלאנירונג שטודיע.

פובליק אינפוט איז געווען א הויפט פאקטאר אזוי ווי די פלאנירונג שטודיע איז אנגעגאנגען. די MTA האט געהאלטן טאון האל זיצונגען לעצטע יאר און האט באקומען איבער 700 באמערקונגען אויף איר וועבזייטל אין פארלויף פון א זעקס-מאנאטיגע צייט אפשניט. פובליק אוטריטש וועט פארזעצן אזוי ווי דער פראיעקט גייט ווייטער.

<u>**ערפינדערישע באוועגונג אינציאטיוו**</u>

היינט האט גאווערנער האקול געמאלדן די ערפינדערישע באוועגונג אינציאטיוו, וואס וועט צושטעלן 10 מיליאן דאלער אין געלטער צו נישט-MTA טראנסיט אויטאריטעטן צו פארברייטערן סערוויס צוגעשטעלט. דער אינציאטיוו וועט שטיצן רייזנדע וואס שטייען אויס באגרעניצונגען צו צוטריט צו געווענליכע טראנסיט דורך אויסצאלן די שאפונג פון נייע טראנסיט אלטערנאטיוון אדער טעכנאלאגישע פראדוקטן.

דער פינף יעריגער פילאט אינציאטיוו וועט אוועקשטעלן 1 מיליאן דאלער פאר יעדע פון די זיבן גרעסטע נישט-MTA סיסטעמען, און קלענער סיסטעמען וועלן זיין אינאיינעם בארעכטיגט פאר א קאנקורירנדע פאנד פון 3 מיליאן דאלער. די געלטער קענען גענוצט ווערן צו:

- מעטש'ן פעדעראל-באצאלטע פאנדס ביז 20 פראצענט
- קויפן נייע טעכנאלאגיע פאר עפפ-ערמעגליכטע לאקאלע רייזע אדער פרייז באצאלונג
- קויפן קלענערע וויהיקלס פאר פאראטראנזיט
- אוועקשטעלן און פארברייטערן מייקראטראנזיט פראדוקטן

דער אינציאטיוו וועט שטארק ארויסהעלפן טראנסיט רייזנדע דורכאויס די סטעיט, בשעת'ן פאראויסשטופן אייניגקייט און פראדוצירן בעסערע ענווייראנמאנטאלע אויסקום.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418